קרית ברסלב בלעטל
שנה ה׳ נומער 218 קדושים · תשפ״ד

תלמוד תורה
קרית ברסלב ביי

ברכת האילנות

מיט'ן ראש ישיבה שליט"א
דאנערשטאג אחרי

שפעקולאציעס:
קליינע הארעלעך
פון פסח

**איבער אלץ
און אלעמען:**
וויאזוי קען מען
פארמיידן מאגן
ברענעריי

**בלעטל
פארמעסט:**
נייע קאלום
קומענדיגע
וואך אי"ה

נייעס, באריכטן, בריוו, ארטיקלען
און בילדער איבער הערליכן יום
טוב פסח אין שטעטל **במחיצות
דעם ראש ישיבה שליט"א**

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty
קדושים ג' אייר תשפ"ד

הדלקת נרות 07:49
מוצאי שבת 09:21

מנחה מעריב אמור.... 09:05

וועטער

Fri 10	52°/41°	Rain	
Sat 11	55°/41°	Mostly Cloudy	
Sun 12	55°/41°	Showers	
Mon 13	61°/47°	Partly Cloudy	
Tue 14	66°/49°	PM Showers	
Wed 15	70°/51°	Partly Cloudy	
Thu 16	68°/50°	Showers	
Fri 17	65°/49°	Showers	

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

בריוו צו רעדאקציע
קרישקעלעך פון יום טוב פסח אין שטעטל
4

שטעטל נייעס
א באריכט איבער יום טוב פסח מיט'ן ראש ישיבה
6

אלץ און אלעמען
די מאגן ברענט
9

געדאנקען
ווער איז דער צדיק'ס צדיק
14

מיט א טיפערן בליק
כיבוד אב ואם אין ברסלב
26

בילדער ווינקל
יום טוב פסח בילדער פון אלע ווינקל איבער די וועלט
30

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה חזקאל שארף הי"ו
וזוגתו רחל תחי'
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מיר ווילן בעטן יעדן איינעם בכל לשון בקשה
ביטע נישט ספידן אינעם גאנצן שטעטל
בפרט ביי די געגנטער וואס וואוינען מערערע מענטשן, ווי למשל אויף האשקי, טווין ברידזש.
עס איז סכנת נפשות ממש
ווארט נישט עס זאל חס ושלום עפעס פאסירן

התודה והברכה

אין נאמען פון די חשובע קרית ברסלב איינוואוינער וואס ציילט זיך היינט צו איבער 150 משפחות קע״ה, ווילן מיר זיך באדאנקן פאר די עסקנים פון ״לשובע ולא לרזון - ר׳ ישעי׳לעס קאך״ וואס געבן זיך אוועק בלב ובנפש א גאנץ יאר, ובפרט פאר פסח דורכ׳ן העלפן פארטיילן פראדוקטן אין ווערד פון צענדליגע טויזנטער דאלער׳ס:

הר״ר **שמעון ישראל פאזען** הי״ו

הר״ר **יואל בראך** הי״ו

הר״ר **חיים יודל שווארטץ** הי״ו

הר״ר **ליפא שווארץ** הי״ו

שלמה יאקאבאוויטש

קרישקעלעך פון פסח אין שטעטל

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו, יישר כח פאר די הערליכע פארגרעסערטע פסח אויסגאבע, ברוך השם די גאנצע משפחה האט זיך מחי' געווען דערמיט.

בעזרת השם וויל איך מיטטיילן מיט די חשוב'ע ליינער שיינע שיחות, זכרונות און אנעקדאטן פון די הערליכע טעג של קורות רוח וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין שטעטל במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, דורכאויס די טעג פון פסח, ווי אויך פארדעם און נאכדעם.

דא איז אויך די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר די פידבעק און גוטע גריסן וואס מען געבט איבער אויף די בריוון, סיי ביי די סורוועי' וואס מען האט איבערגעגעבן, און אויך פערזענליך, יישר כח.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען אין שטעטל צו ווילן אויף די פסח טעג אינמיטן פרשת מצורע. שבת הגדול האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, אויף די ירושלים גאס, צום ערשטן מאל, די חשוב'ע גבאים האבן דאס זייער שיין ההערגעשטעלט צו קענען אקאמאדירן די פילע מתפללים.

דער ראש ישיבה האט פארגעדאווענט שחרית פארן עמוד און אויך געליינט קריאת התורה, ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א שטיקל פון די מעשה מחיגר (סיפורי מעשיות מעשה ג') אז אמאל טראכט א מענטש עפעס צו טון, ער ווייסט אבער נישט צו די שדים רעדן אים דאס אן אדער זיין הארץ, צי דאס איז א גוטע זאך, אדער עס וועט אים ברענגען שלעכטס, וואס האט דער אייניקל געטון? "אִיז עֶר גִיפָּארִין צוּ זַיין זֵיידִין אוֹיף זַיין קֵבֶר. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט גִילָאזְט צַוָואָה אַז מֶען זָאל נִיט נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר. נָאר מִיר זָאלִין אֶמוּנָה הָאבִּין אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיינְט. רֶעט מִיךְ אָן דָאס הַארְץ. אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נוּצִין. הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט זַיין זֵיידֶע (וָואס עֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן) כָאטְשֶׁע דוּ קָאנְסְט נוּצִין דֶערְמִיט בִקְדוּשָׁה. אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבִּין אֶמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט דִיר הֶעלְפִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן", פון דעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א שיינע שמועס פון זיך פירן בתמימות ובפשיטות, זיך פרייען בפשטות יהדות, מיט יעדע מצוה, מיט יעדע גוטע זאך וואס מען טוט.

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס פון חומרות אום פסח, אז עס פעלט נישט אויס, מ'דארף זיך פרייען מיט די מצות און די ד' כוסות, און די חיות פון א איד דארף זיך נעמען פון די מצוות וואס ער טוט, פון טון דעם רצון ה', פון לעבן מיטן אייבערשטן, און אזוי אויך לגבי די קינדער, אז די חיות פון עלטערן דארף זיין פון די מצוות וואס די קינדער טוען, אז די קינדער גייען און שול און לייגן תפילין, זיי היטן שבת, זיי לערנען תורה, אוודאי שמעקט פאר עלטערן ווען די קינדער גייען אנגעטון ווי זיי און פירן זיך אויף זייער וועג, אבער די עיקר חיות דארפן עלטערן שעפן פון די תורה ומצוות וואס די קינדער טוען.

איינע פון די אינגעלייט האט זיך באדאנקט פאר דער ראש ישיבה אז עס איז געווען סקול און חדר ביז ממש ערב פסח, איז דער ראש ישיבה אריין א שמועס איבער דעם, ווי וויכטיג עס איז אז די קינדער זאלן זיין אין א מסגרת און עס איז נישטא קיין שום זאכליכע סיבה פארוואס עס זאל נישט זיין געהעריג חדר און סקול, אפילו פאר מ'פארט ארויס זומער אין די קעמפס דארף נישט זיין מער ווי איין טאג צווישן ענדיגן סקול און אנהויבן קעמפ, ווי אויך אין ארץ ישראל ווי דאס איז נאך שטערקער איינגעפירט האט דער ראש ישיבה אויפגעפאדערט אז מ'זאל דאס פאררעכטן, ווייל אין די לויזע צייטן קומען ארויס גרויסע מכשולות רח"ל, נאכדעם וואס די מניוולים נוצן אויס די לויזע ווירטשאפט פאר זייערע אינטערעסן און דאס הרג'עט אפ קינדער פאר זייער גאנצע לעבן רח"ל.

דעם צווייטן טאג פסח אינדערפרי ווען איך בין

ארייגעקומען אין בית המדרש איז דער ראש ישיבה געזיצן און געלערנט, דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט ביי א אינגערמאן וואס זיין שווער איז ל"ע אן אלמן, וואס זיין שווער מאכט, האט דער אינגערמאן געזאגט אז ער איז געפארן אויף פסח צו איינע פון די קינדער מעבר לים, און דער אינגערמאן און צוגעלייגט אז זיין שווער האט אן אייגענע הויז אין אמעריקע, און אויך אן אייגענע הויז מעבר לים, ווי צו זאגן אז ער איז געסעטלט...

האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "וואס האט ער פון זיינע צוויי הייזער אז ער האט ל"ע נישט קיין ווייב..." און דער ראש ישיבה האט ווידער איבערגע'חזר'ט וואס ער האט לעצטנס כמה פעמים געזאגט, אז זיין זיידע הרה"צ רבי אלחנן טייטלבוים זצ"ל, האט נישט געהאט קיין אייגענע הויז, ער האט אלע יארן געוואוינט פאר רענט, הייסט עס אז ער איז נישט געווען סוקסעספול... ער האט אויפגעשטעלט א הערליכע דור פון ערליכע אידן יראים ושלמים, דאס הייסט סוקסעס, יא פארמאגן אן אייגענע הויז, נישט פארמאגן אן אייגענע הויז - נישט לויט דעם מעסט זיך די סוקסעס פון א מענטש...

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס וועגן די שאדן און שלעכטס וואס קומט ארויס פון מחלוקת, אז דער רבי ברענגט אין ליקוטי מוהר"ן, (חלק א', סימן רעב) אז דאס איז דוחה מאה פרנסות, און אז אין דבר טוב יוצא ממחלוקת.

האט זיך איינער אנגערופן בדרך צחות אז עס איז דא א קהילה ווי עס איז ליידער דא מחלוקת, און צוליב דעם איז אויסגעקומען אז צווישן אלע צדדים האט יעדער חבר אין יענע קהילה געהאט א געלעגנהייט צו נהנה זיין פון פיר חלוקות אויף פסח... איז אפשר יא שייך אז עס זאל ארויסקומען עפעס גוטס פון מחלוקת... (בשעת מעשה האט דער ראש ישיבה גארנישט געענטפערט, אבער נאך די דף שיעור מוצאי ערשטע טעג האט דער ראש ישיבה זייער אויסגעלויבט די חלוקות וואס די בית התבשיל אין שטעטל בהנהלת מו"ה שלמה יאקאבאוויטש נ"י האט פארטיילט, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "דא אין שטעטל איז פארגעקומען צען חלוקות אן קיין מחלוקת, מען דארף נישט צוקומען צו מחלוקת ח"ו צו נהנה זיין פון חלוקות, נישט אזוי ווי ... וויל זאגן אז א דאנק די מחלוקת האבן מענטשן געהאט פיר חלוקות...)

איך האב זיך באדאנקט פאר דער ראש ישיבה אויף די שיינע חינוך וואס מ'לייגט אריין ביי די קינדער אין די מוסדות, אז מ'האט אויסגעלערנט די קינדער צו בעטן פאר אפיקומן וואס די עלטערן ווילן זיי געבן פאר א מתנה, און איך האב דערציילט פאר דער ראש ישיבה נאך עפעס וואס מיינע קינדער האבן געבעטן, און דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט: "און וואס האט דיין ווייב געבעטן...?" האב איך זיך אויסגעלערנט א נייע באגריף, נאך א שיינע לימוד פון דער ראש ישיבה, נאך א וועג ווי אזוי צו מאכן גוט שפירן די ווייב ביים סדר, איר פרעגן וואס זי וויל בעטן פאר אפיקומן.

(אגב, איינער פון אנשי שלומינו האט דערציילט פאר דער ראש ישיבה אז זיין אייניקל, א תלמיד מוסדות היכל הקודש, האט אים געבעטן פאר אפיקומן אז ער וויל זיין אן ערליכער איד, און דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט וואס ער האט אים געענטפערט, האט ער געזאגט, "אז דו וועסט זיין דבוק אין צדיקים, דו וועסט פאלגן אלעס וואס דער ראש ישיבה לערנט, וועסטו זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד", און דער ראש ישיבה האט הנאה געהאט).

ביים סוף איז וויכטיג צו נאכברענגען א ווארט וואס דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פאר א אינגערמאן וואס ער האט געהערט פונעם דיין שליט"א: "ביים ראש ישיבה פארפאסט מען אייביג, מען דארף אריינכאפן וואס מען קען", נישט יעדער קען זיין ביי יעדע שיעור, מאורע, מסיבה, פונעם ראש ישיבה, און אלץ שפירט מען ווי מען האט דאס פארפאסט און יענץ פארפאסט... מען דארף אבער זען ווען מ'קען יא זיין אריינצוכאפן וואס מער מען קען.

המשך יבוא בעז"ה קומענדיגע וואך.

יואל שניצלער, קרית ברסלב

באריכט פונעם הערליכן יום טוב פסח

ערב פסח טעג

פארגאנגענעם יום טוב פסח האבן די איינוואוינער געהאט די זכיה זיך צו געפונען במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט געוויילט אין שטעטל א גאנץ יום טוב.

מען קען נישט מיט ווערטער אויפן פאפיר ארויסברענגגן דעם געשמאקן דערהויבענעם יום טוב וואס מען האט בייגעוואוינט, עס איז דאך געווען מעין עולם הבא, מען האט געשפירט ווי מען איז ארויס פון די אייגענע מצרים. אבער דאך וועט מען פרובירן ארויסצוברענגען אויפן שפיץ גאפל דעם שיינעם יום טוב, און זען וואס מען קען מיטנעמען אויף ווייטער.

דער ראש ישיבה שליט"א איז שוין ארויסגעפארן עטליכע טעג פאר יום טוב, צו קענען צוגרייטן דעם יום טוב ווי עס דארף צו זיין, און במשך די פאר טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך עוסק געווען אין אלע קהל'ישע ענינים וואס פעלט אויס פאר'ן שטעטל. דער ראש ישיבה האט אסאך פארברענגט מיט די חשובע בחורים פון ישיבה אין שטעטל, פארגעלערנט שיעורים און זיי געגעבן גאר אסאך הדרכה פארן לעבן אין אלע הינזיכטן.

במשך די ערב פסח טעג איז פארטיילט געווארן גאר אסאך עסן פראדוקטן פאר די איינוואוינער, געברענגט דורך דעם "בית התבשיל" אינטער די פירערשאפט פון דעם געטרייען גבאי צדקה מו"ה שלמה יאקאבאוויטש. אזוי אויך איז פארטיילט געווארן קארטלעך צו קענען איינקויפן אין גראסערי געוואנדן אויף די גרויסקייט פון די משפחה.

כל דכפין ייתי וייכול דורכ'ן בית התבשיל

שבת הגדול האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית ביים בית המדרש אויף די ירושלים גאס, צו מחזק זיין די אינגעלייט וואס וואוינען אין דעם געגענט.

אינעם טאג פון בדיקת חמץ איז מען אריבער צום מצה בעקעריי אנשעפן מים שלנו, דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף די חסד אז מען האט אזא רבי וואס מאכן געשמאק די מצות פון יום טוב. אזוי אויך האט מען געדאנקט דעם אייבערשטן אז דאס איז די דריטע יאר וואס די מצה בעקעריי איז אפן און עס גיבט ארויס אזאנע געשמאקע מצות, וואס די ארבעטערס לייגן אריין זייערע תפילות עס זאל ארויסקומען גוט און כשר.

דער ראש ישיבה האט פארציילט דאס וואס די גמרא זאגט (פסחים מב ע"א) "א"ר יהודה: אשה לא תלוש אלא במים שלנו, דרשה רב מתנה בפפוניא, למחר אתו כולי עלמא חצבייהו ואתו לגביה". רב מתנא האט געזאגט אז מען דארף האבן מים שלנו פאר די מצות, צומארגנס האבן אלע געברענגט זייער וואסער צו רב מתנא. האט רב מתנא זיי אויפגעקלערט אז עס האט דאס נישט געמיינט צו זאגן, נאר ער האט געזאגט אז עס דארף זיין גענעכטיגטע וואסער. פרעגט מוהרא"ש וואס וויל די גמרא ארויסברענגען מיט די מעשה? נאר דאס איז צו ארויסברענגען ווי שטארק זיי האבן געהאט אמונת חכמים, אז זייער רבי האט געזאגט א ווארט האבן זיי נישט געפרעגט קיין שאלות, נאר גלייך געפאלגט, אפילו עס האט אויסגעזען אינטערעסאנט.

ערב פסח נאכמיטאג איז מען צוריק צום מצה בעקעריי, גלייך ביי חצות האט מען אנגעהויבן באקן די מצות מיט גרויס שמחה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט הלל מיט א געשמאק און פרייליכקייט, גאר אסאך פון אנשי שלומינו זענען געקומען ארויסהעלפן דאס באקן מצות.

ערשטע טעג פסח

במשך די טעג פון יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אין בית המדרש אויף די האשקי גאס, און צוגעגאנגען צום עמוד בייגאכט און דערנאך אינדערפרי ביי שחרית, ווי עס איז באקאנט איז א דאווענען פונעם ראש ישיבה פיל מיט הארץ און געפיל, עס עפענט דאס הארץ צום אייבערשטן, עס עפנט די מויל צו רעדן צום אייבערשטן און אים בעטן וואס עס דרוקט.

די ערשטע נאכט פאר מנחה האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם הייליגן בריוו פון רבי שמשון אוסטרופאליא זי"ע וואס דאס איז א סגולה אז מען זאל נישט האבן קיין שלעכטס במשך דעם גאנצן יאר. אויך איז מרומז אינעם בריוו די סוד פון מוהרא"ש זי"ע.

חול המועד פסח

במשך די חול המועד טעג האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט אינדערפרי דעם דף גמרא אין וואלד אין גן עדן התחתון וואס געפינט זיך אינטערן בית המדרש, עס האט געשפירט זייער געשמאק צו זיין ביים שיעור אום חול המועד, און לערנען א דף גמרא אינטערן הימל מיט א געשמאקן לופטל.

דערנאך האט מען געדאווענט אין היכל ראזענבערג און געזינגען הלל דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף די נס אז מיר ווייסן פון אזא גרויסע רבי.

דאנערשטאג חול המועד האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור צוזאמען מיט א סיום הש"ס פון הבחור יוסף ב"ר שמחה סאלז הי"ו, ארויסברענגענדיג די גרויסקייט פון א בחור'ל וואס ניצט אויס די פרייע צייט צו לערנען בלעטער גמרא, און אפילו עס נעמט לאנגע יארן קומט מען אבער אן צום סוף. די עיקר איז צו האבן דעם ווילן צו ענדיגן ש"ס, אז מען וויל קומט מען אן צו דעם. מען קען הערן דעם גאנצן הערליכן שיעור אויף "קול ברסלב" נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה גערעדט צו א קבוצה

שיעורי תורה אין גן עדן התחתון

ליטווישע בחורים פון ישיבת סאוט פאלסבורג, וואס זענען געקומען הערן חיזוק פונעם ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט געשמועסט פון זיי איבער וואס "ברסלב" איז, און אז דער הייליגער רבי האט זייער אויסגערימט די עקשנות פון די ליטווישע אידן.

א שיעור פאר א קבוצה פון ליטווישע בחורים

שבת חול המועד ביינאכט האט דער ראש ישיבה געדאווענט ביים בית המדרש אשר בנחל כדי צו מחזק זיין די מתפללים פון דעם שול.

שבת אינדערפרי האט דער רעדאקטער פונעם בלעטל געהאט די זכי' צו האבן א שמועס מיטן ראש ישיבה, ווי ער האט אנגעוויזן אז מען זאל לייגן א שטארקע דגוש אויף די קינדער אפטיילונג, ווייל די קינדער איז די עיקר ווי מען דארף זיך פארלייגן אז זיי זאלן ווערן אנגעפילט מיט אמונה, און אז זיי זאלן נישט דארפן ליינען אנדערע פיסטע זאכן וואס ברענגט נישט גארנישט אויף למעשה, נאר פארדרייט סתם די קאפ.

שביעי של פסח

שביעי של פסח אויפדערנאכט איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש אשר בנחל צו זינגען צוזאמען שירה און דאנקען דעם אייבערשטן אז מען האט א רבי וואס נעמט אונז ארויס פון מצרים, און ברענגט אונז אריין דעם פה-סח אז מיר זאלן שמועסן מיטן אייבערשטן אין יעדן מצב

דער ראש ישיבה האט פארטיילט גרעיפ דזשוס פאר יעדן באזונדער, און נאכן זינגען פאר א שטיק צייט האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער די גרויסקייט פון שביעי של פסח, אז דאס איז מסוגל פאר שידוכים און פרנסה וואס איז קשה כקריעת ים סוף. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט די וויכטיגקייט פון חתונה מאכן די קינדער אינגערהייט, כדי זיי צו ראטעווען בעוד מועד. אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די שיינקייט וואס מען זעט אין שטעטל אז פופצן איינוואוינער האבן אריינגענומען די עלטערן אויף יום טוב פסח ביי זיך אינדערהיים וואס דאס איז די שענסטע זאך וואס קען נאר זיין אז מען איז מכבד עלטערן. און דאס זעט מען גאר שטארק אין היכל הקודש אז מען האלט טייער די עלטערן אויף א שטארקע פארנעם.

אחרון של פסח

אחרון של פסח נאכמיטאג איז מען זיך צאמגעקומען צו משיח'ס סעודה ווי דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה פון הייליגן בעל שם טוב וויאזוי ער איז געווארן גערעטעוועט אפאר מאל בשעת ער איז געפארן צו ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן הייליגן אור החיים הקדוש צו ברענגען די גאולה שלימה, אבער עס איז נאכנישט געווען די צייט און ער האט זיך געדארפט צוריקדרייען אהיים.

בשעת'ן זיין פארכאפט ביי די רויבערס אויף א אינזל האט ער נאר געדענקט די אלף בית, און דאס האט ער גע'חזר'ט, וואס דאס ווייזט אונז א וועג אז ווען מען ווייסט נישט וואס צו בעטן, הייבט מען מיט די אלף בית און אזוי קומט שוין אריין געדאנקען וואס צו בעטן דעם אייבערשטן. למשל א' איז "אמונה", ביי ב' האט דער ראש ישיבה געזאגט קען מען זאגן איז "בויך" באשעפער העלף איך זאל פארלירן וואג, איך בין זייער איבערוואגיג. אזוי בעט מען מיטן אן אמת אלעס וואס ליגט אויפן הארץ.

אויך אין אלע בתי מדרשים אין שטעטל, איז מען זיך צוזאמגעקומען און געדאווענט אינאיינעם במשך דעם יום טוב, און זיך געשטארקט מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן

עס איז געווען גאר א הערליכער און דערהויבענער יום טוב פסח, און די אלע חיזוק דרשות און ווארימע תפילות וועט זיכער בלייבן איינגעקריצט אין די ביינער פאר א לאנגע צייט.

חסל סידור פסח כהלכתו

גרשון קרעמער

וואס מיינט "די מאגן ברענט" און וויאזוי קען מען עס פארמיידן?

שאלה: איך וואלט געוואלט פארשטיין וואס מיינט דאס "די מאגן ברענט", וואס איז די גורם דערפון, און וואס קען איך טון צו פארמיידן די גרויסע יסורים וואס דאס ברענגט, ישר כח. הערשל נ.

מאגן ברענען, אדער ווי עס ווערט גערופן "הארץ ברענען", איז א סימפטאם פון עסיד ריפלאקס, וואס מיינט אז די עסיד (די שארפע כעמיקאלן וואס די מאגן לייגט אריין אין די שפייז צו פארדייען דאס עסן) פון די מאגן רייסט זיך דורך די טיר וואס דארף אים האלטן אינעם מאגן, און גיסט זיך איבער ארויף אינעם וֵושֶׁט. די שארפע עסיד מיט וואס די וֵושֶׁט באגעגענט זיך, שאפט די געפיל ווי די הארץ אדער דער מאגן "ברענט".

עס זענען דא עטליכע מיטלען וואס קענען העלפן קורץ טערמיניג, דאס מיינט אז עס דארף העלפן אפשטעלן די יסורים אויפן פלאץ. דאס ערשטע דארף מען פרובירן פשוט א גלעזל צוויי קאלטע וואסער וואס וועט אראפ שווענקען די עסיד פונעם וֵושֶׁט, וואס דאס האט בכלל נישט קיין שעדליכע סייד עפעקטס. אויב דאס העלפט נישט, דארף מען פרובירן מיט טאמס, וואס באשטייט פון קאלציום, וואס שטילט אביסל איין די עסיד, אז עס זאל זיך קענען האלטן אין די ראמען. אבער דאס איז אויסדרוקליך נישט גוט אויפן לאנגן טערמין. אויב עס מאכט זיך א מאגן ברענערײ פון צייט צו צייט, איז עס גוט. אבער אויב א מענטש זעט אז ער דארף ממש טאג טעגליך נעמען טאמס, איז צייט צו נעמען מער שריט.

די ערשטע זאך איז תפילה, מען זאל בעטן דעם אייבערשטן מען זאל מצליח זיין צו טרעפן דעם פראבלעם. דערנאך איז כדי צו אידענטיפיצירן די מאכלים צו וואס דיין מאגן איז האקל דערויף, פילע וועלן ליידן דערפון נאך שארפע, פעטע, אדער זויערע מאכלים, וכדומה. און פארמיידן ווי ווייט מעגליך די יענינגע זאכן וואס די מאגן גלייכט נישט. טייל זענען האקל צו קעפין, אלקאהאל, ציטרוס פרוכט, אדער סאדע. אויך קען מען ענדערש באקומען מאגן ברענערײ אויב מען עסט זיך איבער, במילא איז כדי צו עסן מיט דרך ארץ ענדערש מערערע מאל קלענערע סעודות, ווי איידער זיך איבער עסן. אויך איז כדי נישט צו עסן נאנט צום גיין שלאפן, ווייל זיך אראפלייגן נאכן עסן קען פארגרינגערן די עסיד ארויסצוגיין פון די ראמען.

איבערוואג איז אויך כדאי צו נעמען אין באטראכט. איבעריגע פונטן לייגן דרוק אויף מאגן, און קען ארויסשטיפן עסיד צו וואו עס געהער נישט. נאך א עצה איז דאס טרונקען גענוג: ווען די מאגן האט גענוג פליסיגקייט, איז די עסיד נישט אזוי שארף און נישט אזוי אקטיוו. אבער נאך אלעמען און מיט אלעמען דארף מען בעטן דעם אייבערשטן, און גלייבן אז נישט די השתדלות ברענגט די רעזולטאטן, נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט אזוי ווי ער וויל.

יעצט ווען מיר שטייען נאך דעם הייליגן יום טוב פסח, זענען מיר אלע פריילך אז דער מאגן האט פאר גאנצע אכט טעג (אדער אין ארץ ישראל זיבן) נישט אריינגענומען א ברעקל חמץ, אבער האט אריינגענומען די פילע כוסות וויין, מצה, און מרור. דארפן מיר זיך זייער פרייען דערויף. דער הייליגער רבי זאגט אז שמחה איז די בעסטע רפואה פאר אלע מחלות. און סטרעס, דאגות ועצבות איז די שעדליכסטע פאר אלע מרעין בישין.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

קליינע הארעלעך פון פסח

סידור'wise...מחזור'wise...
וואס בלייבט איבער פונעם פסח?
וידבר משה? מעריבית? הלל?
ביים דאווענען, וואס דארף מען געדענקען?
אתה בחרתנו? יעלה ויבוא? ותודיענו?
יוצרות? מפני חטאינו? ותערב? דוכנ'ען?
ניין! אלעס איז פלוצלינג פארשוואונדן!

תיכף ביים זמן מוצאי פסח,
איז אלעס בעק טו נארמל.
אינעם חמץ'דיגן סידור שטייט די פשוטע דאווענען,
מען מישט נישט דעם ערשטן טאג אהין,
מען מישט נישט דעם צווייטן טאג צוריק,
געענדיט מיט 'טייל' זאגן 'דאס'.

פונעם גאנצן דיקן מחזור,
די לאנגע תפילות וואס איז צוגעקומען צום פסח,
זענען געבליבן צוויי הארעלעך.

די זענען אזוי 'צופעליג' אריינגעפאלן אינעם פסח דאווענען,
און... דאס איז דאס גאנצע וואס איז מיטגעקומען.
קעגן דאס גאנצע ריזיגע דאווענען פון פסח,
זענען די פאר ווערטער אויס ממש ווי צוויי קליינע הארעלעך,
'מוריד הטל' און 'ותן ברכה'...

איך מיין אז מען קען אביסל שפעקולירן דערין,
אפלערנען ווי אזוי אריבערגיין פונעם פסח צום נאך פסח.

פסח, א אנגעפאקטע יום טוב,
פול מיט חיזוק, קוראזש, חינוך, אמונה.
נאך איידער יום טוב הייבט זיך אן,
פאר די ווייב חיזוק קוראזש אין איר שווערע ארבעט,
א שיינע קלייד, א הערליכע צירונג.

געדולד צו די קינדער,
די אמונה געווייקטע סדר,
אייבערשטער אייבערשטער און נאכאמאל אייבערשטער,
די קינדער שפרינגען, מאכן נערוועז, וויינען,
חול המועד א גאאאאנצע לאאאנגע וואך מיט די קינדער,
א וואך פון גוטע ווערטער, חינוך, סבלנות, אמונה.

עס וויל זיך אזוי מיטנעמען דעם פסח אויף א גאנץ יאר.
אבער איך קען נישט חיזוק'ן,
איך קען נישט פארברענגען,
איך קען נישט געבן די פולע אויפמערקזאמקייט,
איך דארף לויפן כאפן א באס, גרייטן נאכטמאל, פרישע וועש,
טוישן ווינדלען.

עס איז נישט חול המועד א גאנץ יאר,
איך דארף גיין ארבעטן, ברענגען פרנסה,
די ווייב איז אין שטוב, די קינדער אין חדר.
קוים מיט די נשמה קום איך אהיים.

נו ווי קומט מען אן צו דעליווערן אזעלכע פעטע סעודות,
אין די צייט וואס ס'קוים דא צייט צו אטעמען.
מיין טייערער חבר איך בעט דיך,
מאך דיך 'זייער שנעל' חמץ'דיג,
פאך אווק דאס גאנצע פסח,
איך ווארן דיך!
שלעפ נישט מיט דעם פסח,
לויף צו דער ארבעט.

אבער...
פון די גאנצע 8 9 טעג אנגעפילט מיט גוטס,
שלעפ ארויס אפאר הארעלעך,
נעם דיר ממש קליינע נקודה'לעך,
חינוך? געדענק אז עס איז דא אזא זאך ווי א גוט ווארט!
שלום בית? געדעקנק זי/ער דארף דאס גוטע געפיל: איך בין מיט דיר!
אינמיטן די הו הא פון גרייטן / מאכן ביזנעס,
כאפ ארויס א א קאל/טעקס צו איר/אים.
ווי אזוי איז עס, ווי אזוי גייט עס.
אמונה? געדענק פאר איין סעקונדעלע דא איין סעקונדעלע דארט: אייבערשטער דו ביסט דא!
אייבערשטער דו ביסט מיט מיר העלף מיר!

בלייב נישט מיט'ן **רעגן**
בלייב מיטן 'מוריד **הטל**', אביסל **טוי**!
א קליין שעפטש: טאטע איך בעט דיך 'ותן ברכה',
א קליין געבעט באשעפער ברענג אריין א ברכה.
די קליינע הארעלעך וועלן זיך צאמנעמען און דיר געבן א גאנץ יאר א פעטע פסח.

Enjoy a fresh start to spring
Servicing the Upstate Area
LAWN CARE AND LANDSCAPING
Mowing the grass
Clearing debris and clutter
Redefining lawn borders
Re-edging/cleaning garden beds
Re-seeding damaged areas
Pruning/trimming trees & shrubs
FOR FREE ESTIMATE
CALL 845.637.5367
WhatsApp 718.306.2448
shlomie@kbmanagementny.com
KB GROUP
property management and construction team

געדאנקען

משה ארי' שניצלער

ווער איז דעם צדיק'ס צדיק



ברוך השם ס'איז שוין די פערטע יאר וואס מיר זענען אויף גאנץ פסח אין שטעטל מיט די ראש ישיבה.

לעצטע יאר האבן מיר געדינגען א דירה ביי מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו, א יאר פריער, תשפ"ב, זעמיר געווען ביי אונזער איידעם מו"ה בנציון הי"ו, א יאר פריער זעמיר געווען ביי מיין זון מו"ה הערשל הי"ו. א פסח אין שטעטל איז העכער אלע ערווארטונגען.

א יאר פריער, תש"פ, זעמיר געווען אין שטעטל אויף שבת חול המועד פסח, איינגעשטאנען ביי מיין זון ר' הערשל, ווען ער האט נאך געוואוינט אין די בעיסמענט פון מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, עס האט זיך אונז געגלוסט צו בלייבן אויף די צווייטע טעג, אבער די קאראנע פאליציי האט געמאכט אן אבלאווע איין טאג חול המועד אין שול ביי מוסף (די שול איז נאך געווען ביי מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א, מ'האט זיך באהאלטן פון די סטעיט טרופערס אזוי ווי ביי די שפאנישע אינקוויזיציע), האב איך געפילט אז מיין זיין אין שטעטל קען חלילה זיין צו לאסט פאר די שטעטל איינוואינער, יעדע איינציגע תפילה בציבור יענע צייטן איז דאך געהאנגען אויף א האר, און צו וואס דארף איך צולייגן צו די שווערע מצב, לאמיך צוריקגיין קיין וויליאמסבורג וואו עס וועט נישט אויסמאכן איין מענטש ארויף, איין מענטש אראפ. מיינע קינדער האבן געוויינט און געמוטשעט אז זיי ווילן בלייבן אין שטעטל ביז נאך אחרון של פסח, אדער כאטשיק איבערשלאפן נאך א נאכט, אבער איך האב זיי מסביר געווען אז ווען ס'קומט צו ענינים וואס איז נוגע די ברסלב'ע שטעטל, וויל איך נישט זיין קיין שטער, אפילו אויף א האר, און אפילו אויף א ספק ספיקא. מ'זעמיר אהיימגעפארן גלייך נאך יענע מוסף אבלאווע.

במשך דעם היי יעריגן הערליכן יום טוב פסח איז מיר

געלונגען ברוך השם צו היטן אין די זכרון קעמערלעך עטליכע גאר אינטערעסאנטע נקודות וואס מ'האט געהערט פון די ראש ישיבה במשך די יום טוב וואס קען צוניץ קומען א גאנץ יאר.

מוצאי שבת הגדול האט זיך געמאכט א שמועס מיטן ראש ישיבה, מ'האט געשמועסט פון די קאמפיין וואס מ'האט צאמגענומען במשך עטליכע וואכן קרוב צו דריי הונדערט טויזנט דאלער אויסצוצאלן די געהאלט פאר די מלמדים זיי זאלן זיך קענען איינרישן מיט די הוצאות צום יום טוב פסח, איז אויסגעקומען צו שמועסן מיט נאך פאנד רעיזערס וואס זענען דארט געשטאנען, פון וויפל איך פארשטיי איז דער ראש ישיבה'ס מיינונג אויףביידע זייטן פון די קאנווערסעישן, סיי אז די צדקה וואס תלמידי היכל הקודש געבן ארויס איז אויסערגעווענליך ברייט, דער עולם דא טיילט ביד רחבה וברוח נדיבה, סיי אז מ'דארף און מ'קען געבן סאך מער. און אוודאי און אוודאי אז די וואס געבן מער וועלן נאר פארדינען מער דורך דעם. דער ראש ישיבה האט אפילו מחשיב געווען די זאך פון געבן "חומש" (צוויי מאל מעשר, אנשטאט צען פראצענט, געבט מען צוואנציג פראצענט, א פיפטל) דער ראש ישיבה האט דערמאנט א נאמען פון א אינגערמאן וואס האט אנגעהויבן צו געבן חומש, און ער האט באקומען א דזשאב פון בלויז צוויי א האלב טעג א וואך! פאר צוויי הונדערט טויזנט א יאר! די איבעריגע צייט זיצט ער אין שול און לערנט זיינע שיעורים!

ער האט אנגעהויבן געבן א חומש, און ער האט באקומען א דזשאב פון צוויי הונדערט טויזענט א יאר, פאר צוויי אהאלב טעג ארבעט א וואך.

די ערשטע נאכט יום טוב, גלייך ביים ארייננקומען צו תפלת המנחה ערב פסח, האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון אסאך אנוועזנדע, וואס איז די טעם און די סיבה אז פסח איז שענער פון יעדע יום טוב? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די סיבה איז, ווייל פסח ארבעט יעדער שווערער אנצוגרייטן, אפילו באקוועמע באלעבאטישע אידן בייגן זיך און שוויצן ביי די הכנות צום יום טוב.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די נקודה אז אויב דיין ווייב איז פרומער פון דיר זאלסטו עס מחשיב זיין, ווייל אך און וויי ווען א פרוי ווערט אפגעקילט פון יראת שמים, דעמאלטס וואלסטו נישט געוואוסט וואו זיך אהין צו טון. מ'דארף באדאנקען די פרויען וואס זיי זענען די וואס פלאקערן אויף די יראת שמים אין א שטוב, ווייל איז פאר אזעלכע שטובער. און בכלל, א מענטש דארף אפרישיעיטן וואס דער אייבערשטער געבט אים, א שאד צו נעמען די ווייב'ס מעלות און עס אנקוקן ווי א חסרון.

פאר מנחה האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט פאר'ן עולם די בריוו פון הרה"ק ר' שמשון אסטראפאלער זכותו יגן עלינו, וואס איז מסוגל כידוע.

אין איינע פון די טעג האב איך געהערט ווי דער ראש ישיבה לערנט פאר פאר'ן דאווענען אין מוהרא"ש'ס סידור "עת רצון" ביי הלל, ווען ס'איז געקומען דארט ווי מוהרא"ש ברענגט אסאך חשבונות פון גימטריאות פון שם הוי' און נאך שמות האט די ראש ישיבה געזאגט אז מוהרא"ש האט געהאט אויסגעשטעלט זיין מח אז ער וועט מקרב זיין יעדן איד צום אייבערשטן, יעדן מיט א אנדערן סארט שפראך, דערפאר האט מוהרא"ש אויך געשריבן פון קבלה, אז דער גרויסער בעל מקובל זאל אויך וויסן אז אז רעדן צום אייבערשטן איז די העכסטע זאך וואס קען זיין, רעדן צום אייבערשטן איז די בעסטע עצה סיי פאר דעם גרעסטן עובד און סיי פאר דעם נידעריגסטן בעל עבירה.

דער ראש ישיבה האט אנגעוויזן אז גלייך נאכ'ן רעדן פון די העכסטע שמות פון קבלה, זאגט דארט מוהרא"ש אז אפילו דו ביסט א "אדם מזוהם", א שמוציגער מענטש, וואס ליגט אין שמוץ, אין שאול תחתית, דארפסטו וויסן אז אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה, די איבעריגע שטיקלעך פון די צושטיקלטע צובראכענע שטיינער, קען אמאל ווערן גענוצט אונטער צו האלטן א ווינקל-זויל וואס דאס האלט די גאנצע בנין, אפילו א שמוציגער מענטש, אויב ער קומט

איין מינוט צוריק צום אייבערשטן, קען ער מאכן אזא נחת אין הימל, אז דער אויבערשטער קוקט מיט רחמנות אויף די גאנצע וועלט! אלעס צוליב א הרהור תשובה פון א פראסטן איד! יחיד ששב מוחלין לכל העולם כולו, אז איין מענטש טוט תשובה פאר איין רגע, איז דער אייבערשטער מוחל פאר די גאנצע וועלט, איין יחיד קען אמאל מזכה זיין די גאנצע וועלט אזוי ווי דער גרעסטער צדיק וואס טראכט פון שמות און יחודים א גאנצן טאג.

דערנאך האט זיך געמאכט א שמועס בעניני כשרות המאכלים, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז א פלאץ וואו דו פרעגסט וואס איז די השגחה און מ'וויל נישט ענטפערן איז די ערגסטע וואס קען זיין, ס'קען אפילו זיין אז דו דארפסט אויסקלאפן פאר אלע פארזאמלטע אז די עסן וואס מ'געבט איז נבילות וטריפות! נישטא אזא זאך אז א פלאץ זאל נישט ענטפערן ווער געבט די השגחה דא.

דאנערשטאג, די ערשטע טאג חול המועד, זעמיר געגאנגען זען די בהמות און חיות וואס מ'האט געברענגט ביי די "מאונטעין מאלל" אין מאנטיסעלא (א הארציגן דאנק פאר די מאונטעין מאלל מענעדזשמענט פאר מהנה זיין דעם ציבור פריי אן אפצאל), אין איין וועגס האב איך שוין געקויפט אינעם ארטיגן ספרים געשעפט א ביכל פון די מלחמה איבערלעבענישן פון א אייניקל פון הרה"ק ר' ישעי'לע טשעחויב'ער זכותו יגן עלינו, (א טאכטער פון זיין זון הרה"ק ר' יעקב צבי אב"ד סוכא זכותו יגן עלינו).

נאך עטליכע שעה פארברענגען, האמיר געהערט אום פינעף אזייגער אז דער ראש ישיבה איז יעצט מיט זיינע קינדער ביי די ברסלב'ע "טאנץ מיט אמונה" פארק, זעמיר שנעל אהינגעגאנגען, ביז וואס ביז ווען איז שוין די ראש ישיבה אוועק געגאנגען פון דארט, ווען אונז זעמיר אנגעקומען איז דער ראש ישיבה אריין אין קאר און אוועק געפארן, אבער ס'האט זיך געלוינט צו קומען, זאלן כאטש מיינע קינדער וויסן אז דו מוזט לעבן מיט א ערליכן איד, נאכלויפן א ערליכן איד, דו מוזט נישט נעמען די זעלבע ערליכע איד ווי איך, (יא! אזוי זאג איך פאר מיינע קינדער!) קענסט דיר טרעפן א בעסערן ערליכן איד ווי איך האב געטראפן, און אדרבה! אז דו טרעפסט בעסער ווי היכל הקודש גיי איך אויך אהין! מוהרא"ש אליין פלעגט צו זאגן, אויב איינער געבט דיר זעקס און דרייסיג פרקים משניות אנשטאט אכצן, זאלסטו שוין אהינגיין!

דער ראש ישיבה האט געבעטן מ'זאל זיך נישט רייצן, ס'איז נישט ריכטיג אזוי צו טון.

ביי די וועכנטליכע "דאנערשטאג נאכט שיעור" איז געווען א הערליכע סיום הש"ס פון הבחור החשוב יוסף סאלז נ"י בן האברך החשוב מו"ה שמחה סאלז הי"ו. צווישן אנדערן האט דער ראש ישיבה דערמאנט דעם רמז אז "פסח" אז די זעלבע גימטריא ווי די נאמען פון רבי'ן (רבינו "נחמן" בן פיגא). מ'קען נישט האבן א שיינעם יום טוב פסח נאר אז מ'טוט די עצה פון רבי'ן צו רעדן צום אייבערשטן, און זיך אויסרעדן אזוי ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד (און אזוי ווי מ'דערציילט די ווייב'ס חסרונות פאר'ן פיר-הונדערט-דאלער-א-שעה ים-רויבער בלוט-זויגער רויט-האנטיגער "מערידזש-עדווייזער" וואס קען זיך ניט אן עצה געבן מיט די אייגענע ווייב).

די תפלות פון ליל שבת חול המועד, איז געווען אין בית המדרש "אשר בנחל" אויף דענמאן ראוד, דער ראש ישיבה איז זיך אזוי געזיצן אויף זיין פלאץ (אינמיטן די שול, נישט ביי מזרח) פלוצלונג האט דער ראש ישיבה געזען מו"ה יואלי לעווי הי"ו, האט אים דער ראש ישיבה מכבד געווען מיט זיין אייגענעם בענקל, און ער האט זיך געזעצט אויף א באנק דערנעבן. איך האב נישט געזען אזא זאך אין מיין לעבן, די וועג ווי דער ראש ישיבה האט אוועק געגעבן זיין פלאץ, דאס האב איך נישט געזען ביי קיין שום רב, פון דעם קלענסטן ביז'ן גרעסטן.

פרייטאג צו נאכטס ביי די באטע איז געווען גאר שיינע שמועסן, דער ראש ישיבה האט געזאגט עטליכע מאל, אדרבה פרעגטס ענקערע שאלות, האט איינער געזאגט אז א קינד האט געפרעגט אויב יעדער מוז האבן א ערליכער איד, דעמאלטס ווער איז דער ראש ישיבה'ס ערליכער איד? האט דער ראש ישיבה געזאגט וואס ווערסטו מרויח זיין פון וויסן דאס? ממה נפשך, אויב דער ראש ישיבה איז א ערליכער איד, ער קען דיך ברענגען צום אייבערשטן, קענסטו לעבן מיט דעם אפילו אויב דו ווייסט נישט וואס דער ראש ישיבה טוט מיט דעם ענין פון גיין צו א ערליכן איד, און אויב דער ראש ישיבה איז נישט קיין ערליכער איד, וואס ווערסטו האבן פון וויסן צו דער ראש ישיבה גייט צו א ערליכער איד צו נישט.

פון דעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס אז אויב דו שיקסט אין ברסלב'ע חדר וייל דו האלטסט אז נאר ברסלב איז גוט, און נאר ברסלב איז אמת, און אנדערע אדמורי"ם טויגן נישט, און דערנאך זאגסטו פאר'ן קינד אז דער ראש ישיבה איז נישט אינגאנצן גערעכט מיט דאס און יענס, דאס צורייסט דיין קינד'ס מח אין האלב! פונקט ווי א גע'גט'ע קינד קען נישט פארנעמען אז מ'צוהאלבט אים די מח איין זייט אהער און איין זייט אהין, די זעלבע זאך איז דאס, א קינד קען פשוט נישט דערהייבן אזא צוטיילונג אין מח, ענדערש זיי מיר נישט אזא אמת'דיגער ברסלב'ער, ענדערש שיק דיין קינד צו סיי וועלכע אדמו"ר דו ווילסט נאר, אבער דיין קינד זאל האבן "איין סביבה, "איין" מח, "איין" וועג אין לעבן. און בכלל, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז א מענטש וואס האט נישט "איין" מורה דרך וואס פירט אים איז גורם א הירוס פאר זיינע קינדער, און ס'קען גאר זיין א בכי' לדורות! ענדערש זאלסטו אפילו האבן א שוואכערן מורה דרך, אבער "איין" וועג, ווי איידער דו טרעפסט א גרעסערן ירא שמים אבער האלב זאכן פארשטייסטו (נעבעך) אליין, אמאל טוסטו ווי א פוסק פון די חסידות און אמאל ווי יענע חסידות, און פלוצלונג ביי עפעס א הלכה ווערסטו א ליטוואק, און ביי עפעס א אנדערע מנהג קומסטו מיט א פערטע און א פיפטע מקור, דו צומישסט דיך אליין און דו צומישסט דיינע קינדער. א יעדע אידישע שטוב מוז זיך פירן מיט "איין" מורה דרך, ס'איז נישט קיין פעלער אז מ'איז מחמיר, אבער צומישן קינדער טאר מען נישט. קינדער קענען נאר וואקסן אויף "איין" וועג.

א אידישע שטוב מוז זיך פירן מיט איין מורה דרך, קינדער קענען נאר וואקסן ווען מען גייט אויף איין וועג.

פונקט האב איך גראדע געהערט פון א אינגערמאן מו"ה מרדכי היימליך הי"ו אז דאס וואס ער האט געהערט אין חדר, לערנענדיג ביים ראש ישיבה אלץ מלמד אין א אנדערע מוסד, אז א מענטש נאך די חתונה מוז האבן א מורה דרך וואס זאל אים ווייזן די ריכטיגע וועג אין לעבן און ענטפערן זיינע שאלות, דאס האט אים געראטעוועט זיין לעבן. ווייל ווען דער ראש ישיבה האט געעפנט א אייגענע ישיבה און מער נישט געווען אין די פריערדיגע פלאץ, איז ער גראדע נישט געווען מער אזוי דירעקט מקושר מיטן ראש ישיבה, און ווען ער האט חתונה געהאט האט ער אנגעהויבן זען וואס דער ראש ישיבה האט אים אויסגעלערנט אין חדר, אז א מענטש וואס איז נישט מקושר צו א מורה דרך, קען ווערן א הפקר מענטש, האט ער אנגעהויבן מער און מער קומען צו דער ראש ישיבה'ס שיעורים, טראכטנדיג אז דער ראש ישיבה וואלט גוט געווען אלץ מורה דרך צו קענען פרעגן זיינע זאכן.

ר' מרדכי נ"י איז פון די רייכע אידן אין שטעטל (ביי אונז הייסט רייך איינער וואס זאגט אסאך משניות, משנה איז די זעלבע גימטריא ווי פרנסה, משניות מאכט רייך, דאס האבן מיר געהערט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אן א שיעור) ר' מרדכי נ"י האט שוין געענדיגט משניות זעקס און דרייסיג מאל! גראדע זיין אלטע שכנטע'ס עלטער מומע'ס שטיף קאזין האלט נישט פון זאגן משניות! ענדערש לערנען דריי בלאט א יאר טיף טיף טיף. ס'איז דא א גרויסע חשש אז די אלטע שכנטע'ס שטיף שטיף געשוועסטער קינד וועט זיך נישט וועלן משדך זיין מיט ר' מרדכי נ"י וחבל על דאבדין, ותוצאותיו מי ישורנו, ומי

שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די, ראו הוזהרנוכם, ולהשם הישועה. ובא לציון גואל, ומחה השם שריפת הזמן מעל כל עמו, וחרפת עמו יסיר, וכימי צאתינו מארץ מצרים יראנו נפלאות אמן (געב אהער די באקס טישו'ס, שנעלער).

דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון א ווייטאגליכע נקודה, זאגנדיג, איך האב דא תלמידים וואס מ'האט געהאט טענות אויף מיר פארוואס איך האלט זיי, אבער איך האב זיי נישט דערווייטערט, און היינט קומען זיי מיר זאגן פארוואס איך נעם אן דעם און יענעם...

די שירת הים בליל שביעי של פסח האט מען געפראוועט אין בית המדרש "אשר בנחל" אויף די דענמאן גאס. איך און מיינע קינדער זענען געווען צווישן די פילע באטייליגטע וואס האבן אהיימבאגלייט דעם ראש ישיבה. ס'איז געווען הערליכע שמועסן אויפ'ן וועג. איינער האט זיך אנגערופן אז ער מוז נאך אלץ אנקומען צו די דרשות, ווייל אויב ער זאל נישט הערן די דרשות, קען ער אין א ליאדע מינוט צוריק גיין צו זיינע אלטע זאכן, למשל, ליינען שרייבעכצער פון נישט ערליכע שרייבערס. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: ליינען איז א נסיון בכלל? וואס שרייבן זיי דען? דער ראש ישיבה האט דערציילט פון זיינע בחור'ישע יארן, עס האט אים קודם אויסגעזען ווי מ'מוז ליינען צייטונגען צו קענען זיין פעסט, אבער דער ראש ישיבה האט שוין דעמאלטס געטראכט אז א צייטונג איז א ליידיגע זאך און זיך אפגעשאקלט דערפון, עס איז די זעלבע נייעס פאר צענדליגער יארן, נאר געטוישט די נעמען פון מענטשן און פלעצער.

> מיינסט אז נאר פאר א קנייטש הוט דארף מען געבן שלום? מ'דארף רעדן שיין צו יעדן אינגערמאן פון די קהילה.

איינער האט געזאגט אז ער האט באקומען א קאמפלימענט, ווייל א איד איז אריינגעקומען אין שול, אין האשקי, האט ער אים געגעבן שלום עליכם, זאגט אים דער איד "די ערשטע מאל וואס איינער זאגט מיר שלום עליכם אין א היימישן שול, איך האב קיינמאל נישט געהאט אזא זאך". האט דער ראש ישיבה געזאגט: דו מיינסט אז נאר פאר א קנייטש הוט דארף מען געבן שלום? מ'דארף רעדן שיין צו יעדן אינגערמאן פון די קהילה! עס איז יעדנ'ס פליכט אז יעדער איינציגער אינגערמאן דא אין די קהילה זאל זיך פילן געשמאק. מ'מוז זען אז קיין שום אינגערמאן דא זאל נישט פילן איבעריג, און מ'מוז זיך אומקוקן דערויף. נאכדעם האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז מ'דארף נוצן שכל ביי דעם, ארומגיין זאגן פאר יעדן "ביסט חשוב" "ביסט טייער" דאס איז נישט די פוינט, די פוינט איז, זיי נאטורליך, געב אים דיין הארץ, האלט אים חשוב אין דיין הארץ, נישט סתם געבאמבלט ביסט חשוב ביסט טייער. רעד צו אים אזוי ווי ער איז א חשוב'ער וויכטיגער מענטש, האלט אים נישט פאר ביליג, האלט אים אין דיין קאפ ווי די איינציג קינד פון דעם אייבערשטן. דאס קען מען גלייך פילן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די וועג ווי אזוי מ'דארף בעטן צדקהביים עולם, דער ראש ישיבה האט געזאגט צום מנהל הכולל מו"ה משה ארי' הי"ו, דו דארפסט רחמנות האבן אויפ'ן עולם און בעטן גרעסערע סכומים, דאס איז די עכטע רחמנות, הער אויף מיט די פאלשע רחמנות, ווי מער געלט דו וועסט ארויסנעמען פון דעם עולם וועלן זיי האבן מער און מער שפע, האב רחמנות און בעט ווי מער! אזוי וועט זיך גיסן שפע! גענוג מיט די פאלשע רחמנות!

ביי די באטע פון ליל אחרון של פסח איז געווען א פרייליכע שטימונג, דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון עטליכע אנוועזנדע ווער ס'קען זאגן א ווערטל, געבענדיג צו פארשטיין אז צו מחנך זיין קינדער מוז זיין א פרייליכע שטימונג. עס איז דא שטובער וואו מ'לאזט נישט אטעמען און נאכדעם מיינען נעבעך די קינדער אז ביי ערליכע אידן איז נישט פרייליך, מ'מוז מאכן פרייליך אין שטוב, ס'איז א גרויס אחריות, קינדער מוזן פילן אז די שטוב איז געשמאק,

אויב א שלעכטע חבר וויל אים ערגעץ שלעפן זאל ער פילן אז אינדערהיים איז אים געשמאקער ווי אין די נישט גוטע פלעצער.

איר ווילט וויסן עתידות? איר ווילט וויסן וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען? אחרון של פסח, ביי די קידוש, ווען מ'מישט זיך מיט יעדנס מאכלים, מיט די פיינע פעטע געפרעגלטע מצה כרעמזלעך, האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די הערליכע זיסע הפטורה וואו ס'שטייט די רואיגקייט וואס וועט דעמאלט זיין, ווען משיח וועט קומען, קיינער וועט זיך נישט קריגן, א לעמפערט וועט פאשען מיט א ציגעלע, א וואלף מיט א שעפסל, א קו מיט א בער, ווי קען דאס זיין? ווייל כי מלאה הארץ דעה את השם, די וועלט וועט ווערן פול מיט שכל, וואס איז שכל? "שכל" איז ראשי תיבות "שפכי כמים לבך" נכח פני השם, אז א מענטש רעדט צום אייבערשטן שטייט אים קיינער נישט אין וועג, קיינער איז אים גארנישט שולדיג.

און די זעלבע זאך אויף שלום בית, אז מ'רעדט צום אייבערשטן קען אפילו צוויי פארקערטע מענטשן האבן א שיינע געשמאקע זיסע לעבטיגע לעבן. ווייל די עיקר איז די קאפ, ווען א מענטש גייט אפנעמען א טשעק פון א הונדערט מיליאן דאלער גייט אים נישט אן צו עס רעגנט צו עס שנייט, צו זיין קאר איז צובראכן, צו זיין רעקל אז צוריסן, צו זיין הוט איז צוקנייטשט, די עיקר איז די קאפ, אז די קאפ איז מסודר קען קיין שום זאך נישט צוברעכן דעם מענטש, און דאס ווענדט זיך נאר אין רעדן צום אייבערשטן, בעטן דעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער העלף איך זאל געדענקען יעדע רגע אז דו ביסט דא מיט מיר און דו הערסט וואס איך רעד צו דיר.

צום שלוס מוז איך אפגעבן א שבח והודיה צום הייליגן באשעפער אויף צוויי נסים וואס איך האב געהאט אין חודש ניסן תש"ע.

איין נס אז איך האב געהאט מאמפס (mumps), כ'בין געליגן מיט פיבער, און מוהרא"ש האט געזאגט אז די מצה וועט מיך אויסהיילן און ברוך השם ס'איז אוועקגעגאנגען.

די צווייטע ריזיגע ריזיגע נס איז געווען די עפענונג פון די ברסלב'ע חדר, אלו פינו מלא שירה כים וכו' אין אנחנו מספיקים להודות לך ה' אלוקינו!

אבער די עיקר וויל איך רעדן צו די וואס די משפחה האט אפגעמאכט אז מ'גייט פירן א מערכה קעגן זיי, איך בעט דיר האב סבלנות, אויב די ברסלב'ע וועג מאכט דיך מער לערנען און בעסער דאווענען און רעדן שענער צו דיין ווייב זאלסטו וויסן אז פון אנהייבן וועט דער סמ"ך מ"ם דיך וועלן אפשטעלן, אבער ביים סוף ווערט מקוים וואס ס'שטייט ברצות השם דרכי איש גם אויביו ישלים אתו.

אז די קאפ איז מסודר קען קיין שום זאך נישט צוברעכן דעם מענטש.

לאז נישט נאך דיין משניות! לאז נישט נאך דיין שיינע וועג פון אינוועסטירן אין שלום בית, דער סמ"ך מ"ם קען שפרונגען ביז'ן דאך אבער ביים סוף וועסטו האבן די וועלט און יענע וועלט

מ'מאכט דיר עגמת נפש? עגמת נפש האט יעדער! די וואס זאגן נישט משניות האבן אויך עגמת נפש! די שוועריקייטן גייען אריבער און דיין זיסע תורה'דיגע לעבן וועט דיך באגלייטן ביזן לעצטן אטעם און דו וועסט זיצן אין גן עדן מיט אלע צדיקים.

וגר
זאב
עם
כבש
ונמר
עם
גדי

מעשיות פון תפילה

שמעון גאלדבערגער

בני ברק

איך האב ביי מיר אין טאש א בערזל צו האלטן מיינע וויכטיגע קארטלעך.

איין טאג באמערק איך אז ס'איז נעלם געווארן, איך זע עס נישט ביי מיר אין טאש. וואס טוט מען דא ווייטער? איך דארף האבן די קארטלעך.

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן. גלייך נאכדעם האב איך מיך דערמאנט אז איך דארף נאך צוענדיגן מעביר סדרה זיין פון די וואך, איך האב מיר שנעל אראפגעזעצט דאס צוענדיגן.

נאכן צוענדיגן האב איך באקומען א רוף פון שטוב אז מ'האט עס געטראפן ליגן אויף א אינטערעסאנטן פלאץ.

שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל קאנאדא

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן ברסלב'ע מצה פארן הייליגן יום טוב פסח, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען באקומען אפילו איך וואוין אין מאנטריאל.

איך האב אפגעשמועסט מיט איין אינגערמאן ער זאל מיר עס ברענגען, אבער עס איז דורך געפאלן. האב איך אפגעשמועסט מיט א צווייטער אינגערמאן און דאס איז אויך אדורך געפאלן, א דריטע וועג אבער עס איז דורכגעפאלן.

אבער איך האב געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן "באשעפער, באשעפער, באשעפער, באשעפער, באשעפער העלף איך זאל האבן די ברסלב'ע מצה".

שכח אייבערשטער אז די ברסלב'ע מצות איז אנגעקומען צו מיר בשעה טובה ומצלחת, עס האט געהאט ברוך השם אלע טעמים.

אלחנן זויבערמאן

צפת

1. ס'איז געווען א גרויסע חלוקה דא אין שטאט צפת, אבער איך האב נישט געהאט וויאזוי דאס אהיים צו שלעפן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג, ווען אינמיטן דערמאן איך מיך אז איינער פון אנשי שלומינו לערנט יעדן טאג אין די געגענט פון די חלוקה, איך האב אים געגרופן פרעגן אויב ער קען מיר דאס נעמען, און ברוך השם ער האט עס טאקע געקענט נעמען פאר מיר.

2. איך האב געקויפט א וואש מאשין. ס'איז אנגעקומען אהיים, און יעצט האב איך געדארפט ווארטן אויף אן אינסטאלער. כ'האב אנגעקלונגען די געשעפט און זיי האבן געזאגט אז זיי וועלן קענען איינעם שיקן נאר א וואך ארום. אזוי ווי איך האב שוין געדארפט וואשן וועש זייער וויכטיג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אליין עס קענען אינסטולירן. שכח אייבערשטער אז דער מנהל פון די געשעפט האט מסכים געווען דערצו.

3. ערב שבת נאכמיטאג האט זיך מיך געענדיגט די געז אין קאך, און קיינער פון די געז סוחרים האט שוין נישט געארבעט, איך האב נישט געהאט וויאזוי צו קאכן אויף שבת.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל מסכים זיין, שכח אייבערשטער אז אן אראבישער סוחר - וואס ביי זיי אין משפחה פירט מען זיך יא צו ארבעטן נאך חצות - האט מסכים געווען צו קומען...

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז אזויווי איך האב נאר 130 שקל - זאל ער נישט בעטן מער פון דעם סכום. למעשה שפעטער האב איך חרטה געהאט פארוואס האב איך נישט געבעטן דעם אייבערשטן אויף נאך א ביליגערע פרייז, ווייל דאס האט ער טאקע געבעטן...

4. אין מדינת ישראל איז א מנהג פאראנען, יעדע יום טוב אדער יומא דפגרא ווי ל"ג בעומר, פורים וכו' מוז די גאנצע לאנד שטיין סטאק מיט גאר גרויסע טרעפיק און א שווערע מאנגל פון באסעס...

בפרט ביום הפורים הקדוש וואס כלל ישראל פארט ארויף פון בני ברק, בית שמש, צפת, טבריה, און אלע אנדערע פרומע שטעט קיין ירושלים עיה"ק וואו דארט שפירט מען דעם 'שושן פורים' כמעט די בעסטע אין די וועלט - איינס נאך 27 סקילמאן און קרית ברסלב ליבערטי'... און כנהוג פעלט באסעס און די וועגן זענען סטאק וכו'

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל מצליח זיין צו פארן מיט מיין ווייב געהעריג אן קיין שטרויכלונגען. שכח אייבערשטער אז איך בין געפארן מיט כמעט א ליידיגן באס און כמעט א ליידיגע ראוד... סיי די וועג אהין און סיי די וועג צוריק.

5. ס'איז דינסטאג אווענט, צפת'ע אנ"ש נעמען זיך צאם אויף די וועכנטליכע חבורה ווי געווענליך, ווען אין די מינוט וואס מ'צינדט אן דעם ספיקער הערט מען אים זאגן 'באטערי לאו'... מ'האט פארגעסן צו טשארדשן דעם ספיקער...

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די לאו בעטערי זאל ציען ביז נאך דעם שיעור. שכח אייבערשטער ס'האט געצויגן.

אִיז תִּיקּוּן חֲצוֹת גֶעמַאכְט אוֹיךְ פַאר פְּשׁוּטֶע אִידְן?

שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,
אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן קמט) אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תִּיקּוּן חֲצוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, וֶוען אוּן וָואס זָאגְט מֶען? אוּן צִי אִיז עֶס נִישְׁט גֶעמַאכְט נָאר פַאר גֶעהוֹיבֶּענֶע אִידְן עוֹבְדֵי ה'? וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת.
אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת.

א בריוו פון דער ראש ישיבה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי- קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת" וַוייל מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ לֵייגְן אַרָאפּ תִּיקּוּן חֲצוֹת כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, מֶען צִינְדְט אָן אַ לִיכְט אוּן מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אַ זַאק וְכוּ'; מֶען לֵייגְט דָאס אַרָאפּ אַזוֹי דְרַאמַאטִישׁ אוּן מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר פַאר צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ'. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, תִּיקּוּן חֲצוֹת דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף ב) אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חֲסִידִים, מֶען זָאגְט יֶעדֶע נַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת.

אַז מֶען קֶען זִיךְ אַיינְפִירְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי - אִיז אַוַדאי דָאס דִי וֶועג, אָבֶּער דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאט זִיךְ דִי וֶועלְט צוּגֶעוואוֹינְט אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת פַאר מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן, עֶס קוּמְט סֵיי וִוי אוֹיס רוֹב מָאל צוּ גֵיין שְׁלָאפְן נָאךְ חֲצוֹת.

תִּיקּוּן רָחֵל אִיז צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ (קַאפִּיטְל קלז): עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל אוּן (קַאפִּיטְל עט): מִזְמוֹר לְאָסָף. דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען (אֵיכָה ה): זְכוֹר ה' מֶה הָיָה לָנוּ, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען תִּיקּוּן לֵאָה (קַאפִּיטְל כד): לְדָוִד מִזְמוֹר, (קַאפִּיטְל מב): כְּאַיָּל תַּעֲרֹג, (קַאפִּיטְל מג): שָׁפְטֵנִי, (קַאפִּיטְל כ): יַעַנְךָ ה', (קַאפִּיטְל סז): לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת, (קַאפִּיטְל קיא): אוֹדֶה ה', (קַאפִּיטְל נא): בְּבוֹא עָלָיו נָתָן הַנָּבִיא, (קַאפִּיטְל קכו): שִׁיר הַמַּעֲלוֹת; שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אוּן וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן, זָאגְט מֶען נִישְׁט תִּיקּוּן רָחֵל, נָאר דִי זֶעקְס קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקּוּן לֵאָה.

וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקּוּן חֲצוֹת דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסח): "וֶוען דוּ זָאגְסְט תִּיקּוּן חֲצוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ אִינְזִין הָאבְּן; **"אֵיכָה נֶחֱרַב הָאוּלָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן חָרוּב וְנֶחְרַב, "עַד אָן יִצְעַק בַּשְּׁבִי", וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל זַיין אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ בַּיים יֵצֶר הָרָע וְכוּ'?! מֶען וֵויינְט: "עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה", אִיךְ וֵויין רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג בִּפְגַם הַבְּרִית, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעס צוּלִיבּ "עֵינִי עֵינִי", אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.**

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ זָאגְן בַּיינַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

ב"ה
עצתו אמונה
חלק י׳

ראש חודש
אייר שנת
תשפ"ד לפ"ק

מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

צווייטע שטאפל איז פערטיג!

צווייטע שטאפל, צו דרוקן א ספר דארף דאס ווערן אויסגעשטעלט פראפעסיאנאל, מיט א פראגראם וואס פארשטייט זיך מיט די פרינטונג מאשינען, דאס ווערט געטון דורכן מומחה ר׳ אברהם יצחק שווארץ הי"ו פון אשדוד, און באגלייטונג פונעם מנהל המכון ר׳ יואל שניצלער. די ארבעט ווערט בעז"ה געטון מיט א פונקטליכקייט און פראפעסיאנעליזם, אז דער ספר זאל קענען געלערנט ווערן געשמאק און ציענד, מיר ועלן אנכאפן איינע פון די זאכן אויף וואס מ׳געבט אכט, אז די שאלות ותשובות זאלן זיין שיין און ריכטיגע אויסגעשטעלט, נישט אז די קעפל פון א שאלה זאל זיין אונטן פונעם עמוד און די שאלה זאל זיך אנהויבן אויפן נעקסטן בלאט, און אזוי ווייטער. מ׳גיימיר ווייטער...

1 הגהה — ערשטע פאזע - 3 וואכן:
2
3 צוענדיגן — דריטע פאזע - 3 וואכן:
4 דרוקן — פערטע פאזע - 2 וואכן:

כאפט אריין די געוואלדיגע זכות, רופט היינט דער גבאי הר"ר ישעי אידליס הי"ו. 347.831.1391

marketedge | 718.207.8663

Private house
Availbile private house to rent for the summer
4 beddroom 2 bath
Call (917) 501-5100

א שיינע איין בעדרום דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אוועליבעל צו דינגען פארן זומער.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש
רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

לשנה

00

שכוח אייבעשטער אז מיט די הילף פון
מיר באוויזן צוזאמען צו שטעלן דעם א

מיר ווילן זיך באדאנקן פאר די חשובע נדבנים וואס האבן זיך משתתף געווען מיט שיינע סכומים פאר די קמחא דפסחא קאמפיין:

מרדכי אלטמאן
משה פארקאש
גדלי אפפעל
לוי יצחק זאפיר
בנציון ראזמאן
שלום פעלבערבוים
בנציון יאקאבאוויטש
פיישי פעלבערבוים
יודל איינהארן
מרדכי היימליך
אברהם הערש וועבערמאן
יואל וועבארמאן
יוסי קורץ
אהרן שלמה שווארטץ
חיים אפפעלדארפער
אברהם משה שטראססער
יואל פעדער
ברוך יאקאבאוויטש
מנחם מענדל שימשאוויטש
לייבי ליבערמאן
אברהם יושע וועבערמאן
מעכי ראזענפעלד
שמעון פיש
מנשה איצקאוויטש
יוסף מאיר שטיין
אליקים גרינוואלד
יענקי ראטענבערג
שמעון עוזר גרינפעלד
יוסי ברילל
זאב סטראלאוויטש
שראלי קרויס
שמוליק בלעדי
ליבי ראטה
יוחנן שארר
לעזער שטרויס
דוד פוקס
יענקי איידליס
יואל משה מייזליש

שבתי דוד מארקוס
נחמן קרויס
יעקב משה אינדארסקי
אשר בער אינדארסקי
יואל מענדאלאוויטש
הערשי כץ
מאיר וויזעל
העניך אינדיג
משה איינהארן
פייוויל ראזענוואסער
שמעון איינהארן
יצחק אייזיק ראטה
אייזיק ראטה
דודי לאקס
נחמן נתן בוים
משולם פינטער
ראובן בירענבוים
בערל שניצלער
יואל שניטצלער
אלי פערל
יודא לייב ווייס
הילל ווייס
משה עקשטיין
שלמה ראטה
קלמן וועבערמאן
יושעי איידליס
מרדכי לייב טירנויער
שמולי אייכענשטיין
נחמן ניישטיין
זלמן לייב מייזליש
יקותיאל פעלדמאן
שאולי גאנז
אברמי פרידריך
יצחק הערש האפמאן
אהרן שלמה שפילמאן
אלי ציק
שמעון אביש

רפאל פורסט
רפאל כץ
מרדכי לייב ניימאן
אלי זעלקאוויטש
אייזיק אפפעל
יוסי פעלדמאן
יודי אייזנער
אשר קרויס
יענקי פיש
שמעון ראטה
הערשי שניצלער
נחמן שמואל יאקאבאוויטש
יוסף יאקאבאוויטש
נחום ברילל
אברמי פיש
משה ארי שניצלער
יחזקל שארף
נתנאל פארקאש
רפאל כץ
אהרן וועבערמאן
עזרא בוים
מרדכי אינדיג
יעקב לעסער
יעקב יאקאבאוויטש
יואל וועבערמאן
חיים יושעי דעפריז
יצחק אהרן וויינבערג
יעקב הילל פארקאש
לייבי ראטה
שמעון פארטיגאל
אשר לעמעל זוסמאן
ישראל סאמעט
אליזער שמן
אשר לעווי
יואל לעווי
ישראלי העסקעל
העניך אינדיג

פון טיפן הארצן ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע עסקנים וואס האבן ארויסגעהאלפן די גאר סוקסעספולע בית התבשיל חלוקות לכבוד יו"ט פסח ווי אויך פאר אלע וואס העלפן די בית התבשיל א גאנץ יאר:

שמעון אביש
קלמן וועבערמאן
ישעי' וויזעל
אייזיק ראטה
בנימין זאב זוסמאן

ווי אויך ווילן מיר זיך ספעציעל באדאנקן פארן הנהלת בית הדפוס פארן שטענדיג שטיין צי די רעכטע האנט ווי אויך פארן אוועקגעבן די גרויסע פארקינג לאט פאר די באקוועמליכקייט פון אלע משפחות

אשר יעקב בלום
העניך אינדיג
נחמן נתן בוים

הבאה בירושלים

$180,0

אנשי שלומינו האבן
סראנאמישן סכום פון:

מיר ווילן זיך פערזענליך
באדאנקן פאר די חשובע
נדבנים וואס זענען זיך
משתתף מיט גרעסערע
סכומים דורכאויס די יאר און
בפרט יעצט לכבוד יו״ט פסח:

אברהם שבתי מזרחי

משה יחיאל פעלדמאן

אברהם אלי׳ פרידריך

דודי לאקס

מושי איינהארן

שאול חיים איינהארן

אברהם טיקאלסקי

א מַעֲשֶׂה
פוּן א צדיק

פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען נִישְׁט בַּאהַאלְטְן

דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זי"ע צוּזַאמֶען מִיט אַ חַבְרַיָּא אִידְן, הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע.

אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן זֵיי דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט אִיז ווִי פָאלְגְנְד: אִין שְׁטָאט קִיטוּב הָאט גֶעווִאוֹינְט אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מְצַעֵר זַיין אוּן אָנְשְׁרֵייעֶן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶּרְשׁוֹן קִיטוּבֶער ז"ל דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס שְׁוָואגֶער, עֶר פְלֶעגְט אִים פַארְשֶׁעמֶען, שֶׁעלְטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעקוּמֶען קַיין קִיטוּב צוּ בַּאזוּכְן זַיין שְׁוָואגֶער, הָאט זִיךְ רֶבִּי גֶּרְשׁוֹן אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן רוֹדְפְ'ט אִים אוּן אִיז אִים מְצַעֵר גָאר שְׁטַארְק, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ מִיטְמַאכְן.

אִיז דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם אִידְ'ל אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מוּסָרְ'ן: הֲיִתָּכֵן עֶר אִיז מְצַעֵר אוּן רוֹדְפְ'ט זַיין שְׁוָואגֶער, וָואס הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט אַז דוּ דַארְפְסְט אִים אַזוֹי רוֹדְפְ'ן?

הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַפָּאר חֶסְרוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אוֹיף דֶעם צַדִּיק, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִים גֶעזָאגְט: "לָאמִיר זָאגְן עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי ווִי דוּ זָאגְסְט, אָבֶער דוּ בִּיסְט עֶפֶּעס אַזוֹי רֵיין פוּן חֶסְרוֹנוֹת"? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא אִיךְ בִּין רֵיין אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם חִסָרוֹן אִין מִיר".

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט "לָאמִיר זָאגְן דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, אָבֶער עֲבֵירוֹת אוּן זִינְד פוּן אִינְגֶערְהֵייט פוּן דֶעם בִּיסְטוּ אוֹיךְ רֵיין?" הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן רֵיין אוֹיךְ פוּן דֶעם". הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דוּ הַאלְטְסְט אַזוֹי, אִיז אָבֶער כְּדֵי זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין דַיינֶע מַעֲשִׂים אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס עֲבֵירוֹת". אָבֶער דֶער תַּלְמִיד חָכָם הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן עַקְשָׁנוּת "אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיף זִיךְ קַיין שׁוּם זִינְד אוּן פְלֶעקְן".

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - וָואס הָאט אַלֶעס גֶעווִיסְט אוּן גֶעזֶען - זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּף אָן: "אוּן וָואס אִיז מִיט דִי עֲבֵירָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיט דִי קְלִיפָּה אוֹיף דֶעם פְּלַאץ, דָאס הָאסְטוּ שׁוֹין פַארְגֶעסְן?" הָאט עֶר מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "עֶס אִיז לִיגְנְט אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה". הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וַוייטֶער גֶעזָאגְט: אוּן וָואס וֶועסְטוּ טוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דָא אַהֶער בְּרֶענְגֶען דִי קְלִיפָּה זָאל עֵדוּת זָאגְן אוֹיף דִיר"? [וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֶעבְּט אַפָּאר יָאר] הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוּס עַזּוּת: "בְּרֶענְג בְּרֶענְג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַארְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אוּן עֶס דֶערְנָאךְ צוּרִיק גֶעעֶפֶענְט. אוּן אָט שְׁטֵייט דִי קְלִיפָּה דָארְטְן אוּן דֶערְצֵיילְט בִּפְרָטִיּוּת דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. דֶער אִיד פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה אוּן פַּחַד הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט אוֹיפְן פְּלַאץ. וֶוען מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען אוּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַ תִּיקוּן אוּן אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה.

דָאס אַלֶעס הָאט דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי חַבְרַיָּא. הָאט זִיךְ אֵיינֶער דָארְט אָנְגֶערוּפְן "נוּ! טָאמֶער אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט דֶער מַעֲשֶׂה, בִּין אִיךְ נִישְׁט קַיין אַפִּיקוֹרֶס," הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זי"ע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִיד: "אוֹיבּ אַזוֹי הָאסְטוּ מִן הַסְתָּם אוֹיךְ גֶעזִינְדִיגְט אוֹיף אַזַא עֶנְלִיכֶע עֲבֵירָה". הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט חוּצְפָּה: "עֶס אִיז לִיגְנְט". הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן מִיט דַיין עַזּוּת אוּן שֶׁקֶר, וֶועט מֶען דָא אַהֶער בְּרֶענְגֶען דִי קְלִיפָּה, זִי זָאל עֵדוּת זָאגְן אוֹיף דִיר". הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי טוּ דָאס נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, זַיי מִיר מוֹחֵל".

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זִיךְ מְחַבֵּר צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס אִיז דָא אִין זַיין דוֹר, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שיחות מוהרא"ש חלק א' ערך מופתים)

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ע"ד

פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

ס'הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט ר' שִׁמְעוֹן, אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיינְקַאסִירְן גֶעלְט פוּן רֶבִּי'ן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג זַיין שְׁלִיחוּת, עֶר הָאט גֶענוּצְט דֶעם רֶבִּינ'ס גֶעלְט פַאר זִיךְ עֶס אַיינְצוּשְׁטֶעקְן אִין עֶפֶּעס אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר פַארְפַאטְשְׁקֶעט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דַאן אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט, "צוּלִיבּ דֶעם קוּמְט זִיךְ דִיר צוּ פַארְשִׁיקְן".

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז ר' שִׁמְעוֹן אִיז דַאן אַוֶועקְגֶעפָארְן צוּ אַ ווייטֶע שְׁטָאט, אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט פַּרְסָאוֹת פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, טִיף אִינְמִיטְן רוּסְלַאנְד, וואו עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קֵיין אִידְן, נָאר אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְט. ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַהִינְגֶעפָארְן מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן גְלַייךְ צוּרִיק צוּ קוּמֶען, סְ'הָאט זִיךְ אָבֶּער אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר.

נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶה גֶעוֶוען גָאר ווּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, פְּלָאֵי פְּלָאִים, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי בְּרוּט.

דער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן דִי מַעֲשֶׂה אוּן הָאט גֶעזָאגְט, "דִי מַעֲשֶׂה ווֶעט אוֹיסְפֶעלְן סַיי פַאר דִי וואס זֶענֶען דָא אוּן סַיי פַאר דִי וואס זֶענֶען נִישְׁט דָא", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "אִיר ווֶעט נָאךְ זֶען וואס ווֶעט גֶעשֶׁען שְׁפֶּעטֶער מִיט דִי מַעֲשֶׂה".

דער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר פְרֶעמְדֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ ווֶעט אִיר עֶס יָא דֶערְצֵיילְן, ווֶעל אִיךְ אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ הָאבְּן, אָבֶּער דִי לִיבְּשַׁאפְט ווֶעט זַיין אַזוֹי ווִי חַייקֶל אִיז פְרֵיילִיךְ, וואס זַיין שִׂמְחָה אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין שִׂמְחָה".

דער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז אַלֶע וואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה זָאלְן זַיין עָרֵב אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן אַז מְ'זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַ פְרֶעמְדֶער. עֶס אִיז דַאן גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ וואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַז יֶענֶער ווֶעט עֶס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן, ווַייל יֶענֶער פְלֶעגְט אַסאךְ פְּלוֹידֶערְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זֵייעֶרֶע זָארְגְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט וואס סְ'ווֶעט זַיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וואס ווֶעט עֶס ווַארְשֵׁיינְלִיךְ יָא אוֹיסְזָאגְן, אוּן אַזוֹי ווִי זֵיי טְרַאכְטְן דָאס רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן, "אוֹיף אִים בִּין אִיךְ עָרֵב אַז עֶר ווֶעט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם".

ווען דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר קֶען דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן וואס הָאט גֶענוּמֶען עֲרֵבוּת אוֹיף אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן.

[אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעווָארְנְט מְ'זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַ פְרֶעמְדֶער, דֶערִיבֶּער אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן נָאר בִּכְתַב יַד, אוּן מְ'קֶען עֶס נִישְׁט דְרוּקְן].

נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אֵיין טָאג גֶעדַאווֶנְט זֵייעֶר פְרִי, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה צוּ גֵיין רוּפְן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. ווען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "קוּם מִיט מִיר שְׁפַּאצִירְן", אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן שְׁפַּאצִירְט צְווִישְׁן דִי גְרָאז.

הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶעזָאגְט, "ווען דוּ ווָאלְטְסְט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ הֶערְן דִי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פוּן דִי גְרָאז, ווִי יֶעדֶעס גְרֶעזְל זִינְגְט שִׁירָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קֵיין שׁוּם פְּנִיָּה אוּן אָן קֵיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן זֵיי ווָארְטְן אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר דֶעם, ווִי שֵׁיין אוּן הֶערְלִיךְ אִיז צוּ הֶערְן זֵייעֶר שִׁירָה, סְ'אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין פְרוּם צְווִישְׁן זֵיי".

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי ווַייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בַּארְג נֶעבְּן שְׁטָאט.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט בַּיי דֶעם בַּארְג?

לַייְנְט קוּמֶענְדִיגֶע וואךְ אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

כיבוד אב ואם

פון ברסלב'ע אידן

ישראל דוד העסקעל

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע פסח וואס איז אריבער אין שטעטל מיט דער ראש ישיבה שליט"א, עס איז געווען א עונג רוחני יעדע מינוט.

שכח אייבערשטער אז דורכאויס דעם הייליגן יום טוב האבן מיר זוכה געווען צו קענען הערן זייער אסאך שיחות, שמועסן און שיעורים פונעם ראש ישיבה.

איך וועל זיך פרובירן מצמצם צו זיין דא צו שרייבן די שיינע שיחות וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן אויפן וועג אהיים פון בית המדרש אשר בנחל ביזן שטוב פונעם ראש ישיבה שביעי של פסח ביינאכט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו ער זאל רעדן מיט אינגעלייט און זיי זאגן אז זיינע עלטערן זענען געקומען צו אים אויף יום טוב אין קרית ברסלב, נישט זיי זאלן מיינען אז דאס איז אייביג אזוי געווען, נאר ער האט אויך געהאט מניעות פון אנפאנג, אבער ער האט זיך נישט פארלוירן ער האט ווייטער מכבד געווען זיינע עלטערן.

און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט אז ער גרויסט זיך מיט דעם וואס אזוי פיל אנשי שלומינו פון שטעטל האבן געהאט ביי זיך די עלטערן אויף יום טוב!

פון דארט איז מען אריין אין א שמועס פון די גרויסקייט פון כיבוד אב ואם, און איינע פון אנשי שלומינו האט פארציילט אז די געשוויסטער זיינע האבן יעצט מחליט געווען אז זיי גייען אלע ארויפגיין צו די עלטערן און זיי אפיר האלטן פאר פארשידענע זאכן...

האט דער ראש ישיבה אויף דעם געזאגט: "פחד פחדים ווי אזוי מענטשן פירן זיך מיט די עלטערן, אבער דא ביים רבי'ן לערנט מען אנדערש אז א טאטע מאמע איז מען מכבד נישט קיין חילוק וואס".

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס וועגן ליינען צייטונגען.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי אזוי ווען ער איז געווען א בחור אין ישיבה איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט געזען א צייטונג, ווייל ביי זיין טאטע אינדערהיים האט מען קיינמאל נישט אריינגעלאזט א צייטונג אין שטוב. ווען ער איז אנגעקומען אין יענע ישיבה - וואס איז געווען אינדרויסן פון שטאט - האט ער געזען ווי אזוי יעדן מיטוואך ווען ס'איז אנגעקומען אלע פעקלעך וואס עלטערן האבן געשיקט פאר די בחורים איז גראד געווארן א רייץ ווער ס'גייט דאס ערשטע באקומען דעם צייטונג...

איך האב געוואלט זען וואס שטייט דארט אינעם צייטונג אז יעדער לויפט עס אזוי נאך, און מ'ווארט שוין אויס אויף דעם א גאנצע וואך... איך האב גענומען דעם צייטונג איינמאל און דורכגעבליקט, וואס זעהט מען שוין דארט? וואס שטייט שוין דארט? איך האב געמישט און געמישט און געזוכט, ווי איז שוין די אינטערעסאנטע שטיקל? וואס זעט מען שוין דא? אביסל נייעס מיט נאך שטותים און נאך שטותים, און פאר די אלע שטותים איז דא אזא רייץ צווישן די בחורים ווער וועט עס האבן ערשט...

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב אזוי געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיין טאטע האט קיינמאל נישט אריינגעלאזט אין שטוב די אלע ליין מאטריאל, ווער ווייסט ווער ס'זענען די שרייבער? ווער קען וויסן וואס ליגט ביי אים אין קאפ? וואס האט ער זיך צוזאמען געליינט פארן שרייבן".

איינער האט זיך אנגערופן אז ער פלעג זייער אסאך ליינען, און היינט נוצט ער ענדערש אויס די צייט פאר שיעורים אויפן דרך הלימוד.

גייענדיג איז די וועטער געווען אביסל רעגנדיג און געוועלנליך ווען ס'איז רעגנדיג קומען ארויס פרעש.

אינמיטן וועג האט דער ראש ישיבה אנגעמערקט אז ס'איז דא א פראש ביי די זייט גאס און האט געזאגט אז מ'זאל אכטונג געבן נישט חלילה צו טרעטן יום טוב א בעל חי'.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער קען די מעשה פון דוד המלך מיט די פראש?

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דוד המלך האט איינמאל ביים זיך מתבודד זיין הארט נעבן כנרת געזאגט פארן אייבערשטן: "הייליגער באשעפער ווער נאך זינגט אזוי פיל שיינע שירה פאר דיך?!" פלוצלינג איז א גרויסע פראש ארויסגעקומען פון כנרת און געזאגט פאר דוד המלך: "מיר פרעש זינגן פארן אייבערשטן מער שירה פון דיר, מיר שלאפן נישט, מיר דאנקן דעם אייבערשטן בייטאג און ביינאכט, אויך זענען מיר

געטריי דעם אייבערשטן, מיר זענען אריינגעשפרינגען אין מצרים אין די ברענעדיגע אויוון, צו טון די רצון פון אייבערשטן!" האט דוד המלך ארויסגענומען זיין פידל און אנגעהויבן זינגען (תהלים, קאפיטל קלה): "ה'", אייבערשטער, "לא גבה לבי", מיין הארץ גרויסט זיך נישט, "ולא רמו עיני", מיינע אויגן דערהייבן זיך נישט מיט גאוה...

דערנאך האט איינער געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז חול המועד זענען עטליכע נישט ברסלב'ע אידן געקומען דאווענען דא אין שטעטל און זיי האבן אזוי שטארק באוואונדערט ווי ווארעם מ'האט זיי אויפגענומען, יעדער האט זיי באגריסט, זיי זענען געווען פון דעם זייער באאיינדרוקט!

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויך אנשי שלומינו דארף מען ווארעם אויפנעמען אין שול! אינגעלייט זאגן מיר אז זיי האבן נישט ליב צו קומען אין שול ווייל קיינער איז נישט אינטערעסירט אין זיי, קיינער טוישט מיט זיי נישט אויס קיין ווארט. ס'איז נישט דא קיין שום תירוץ אויף דעם! נישט דא אזא זאך א שטילער אינגערמאן, מ'מוז זיך מיט יעדן אינטערעסירן ווי אזוי ס'גייט ביי אים און וואס ס'פעלט אים און אזוי ווייטער...

ס'מוז אבער זיין נאטורליך. דער ראש ישיבה האט געזאגט וואס איינער האט אים פארציילט אז ער קומט אריין איין טאג אין שול און איינער קומט צו צו אים און זאגט אים "פששששש אזוי חשוב דו קומסט אין שול דאווענען דו לייגסט תפילין אזוי מורא'דיג..."

יענער האט אים שיעור אראפגעלאזט צוויי פעטש, וואס דרייסטו א קאפ וואס ווילסטו פון מיר? רעד צו אים פון זיין קאר פון זיין מארטגעדש אינטערעסיר זיך נאטירליך, נישט קיין פאלשע שמייכל מיט געמאכטע מעשיות...

איינער פון די גבאים האבן געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ער זאל טון ווען מענטשן קומען אים אלץ משוגע מאכן מיט זאכן, וואס על פי רוב האט עס אפילו נישט מיט אים און ער קען אפילו נישט העלפן יענעם. ער פילט ווי געוויסע מענטשן האבן אזוי פיל טענות אז ער האט מחליט געווען ער האט שוין נישט קיין כח צו דעם און ער זוכט דווקא וואס ווייניגער זיך צו דרייען צווישן די מענטשן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז נישט ריכטיג, נאר דאס איז טאקע די פליכט פון א גבאי יעדן אויסצוהערן און נישט צו ווערן נערוועז, ס'איז גארנישט אז איינער האט געזאגט.

דער ראש ישיבה האט נאכאמאל ארויסגעברענגט אז מ'מוז באגריסן און רעדן מיט אנשי שלומינו "הער אויס דיין חבר, כאפ מיט אים א שמועס געב אים א גוט ווארט, אבער מיט אן אמת, אויב איז עס געמאכט פארלירט עס די גאנצע טעם, ענדערש זאג שוין גארנישט".

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע שיינע יום טוב פסח אינאיינעם מיט דער ראש ישיבה שליט"א.

הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען מיטנעמען דעם יום טוב די דרשות און שיחות, און עס אויסנוצן אויף לעובדא ולמעשה צו לערנען און דאווענען!

בילדער
אפטיילונג

קרעדיט: שלמה צבי פערל

די קינדער פון תלמודי תורה היכל הקודש אין ארץ ישראל אויף א טריפ - ב׳ טהרה תשפ״ד

ביים ווייזן פאר די קינדער די סימנים פון א כשר'ע בהמה

מתפלל ביים קבר פון רבן גמליאל אין יבנה

תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג
ביים מאכן ברכת האילנות

תלמוד תורה היכל הקודש טבריה
פראווענען א סדר - ה' טהרה תשפ"ד

תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים
פראווענען א סדר - ה' טהרה תשפ"ד

תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק ביים
פראווענען א סדר - ה' טהרה תשפ"ד

קרעדיט: שמעון פארטוגאל

מכירת חמץ ביים דיין שליט"א אין
שטעטל - ד' טהרה תשפ"ד

קרעדיט: שלמה המר

מכירת חמץ ביים דיין שליט"א אין ישיבה
- ה' טהרה תשפ"ד

שריפת חמץ ביי כיתה א' אין קרית ברסלב
חדר - ד' טהרה תשפ"ד

קרעדיט: אהרן שלמה שווארץ

חלוקה פאר פסח דורך ביהמ"ד היכל הקודש
סטעטן איילענד - ה' טהרה תשפ"ד

קרעדיט: נפתלי זאבעל

שחרית, סיום בכורים און סיומים פון די קינדער, טייל קינדער האבן געענדיגט מסכתות פון ש"ס, סדרים משניות און אויף ספר המידות, נאכגפאלגט מיט א געשמאקע און ברייטע פרישטאג, ערב פסח תשפ"ד, אין ביהמ"ד היכל הקודש 8 פרעמישלאן, אנגעפירט דורכן געטרייען גבאי און מלמד הרב יואל טייטלבוים שליט"א.

גרויסע חלוקה לכבוד פסח אין שטעטל -
א' אחרי א' תשפ"ד

קביעת מזוזה אין שטוב פון מו"ה יצחק אייזיק
ראטה הי"ו אין שטעטל - א' אחרי א' תשפ"ד

סיום מסכת דורכן ראש ישיבה שליט"א - ערב
פסח תשפ"ד

תפילין לייגן פארן בר מצוה בחור משה בן מו"ה
אברהם רוטמאן הי"ו - ערב פסח תשפ"ד

בר מצוה פון הבחור משה בן מו"ה אברהם רוטמאן
הי"ו אין היכל הקודש ירושלים- ערב פסח תשפ"ד

קרעדיט: שמעון פארטוגאל & איציק מענדלאוויטש

ערב פסח מצות באקן אינעם ברסלב'ע
מצה בעקעריי - ערב פסח תשפ"ד

קרעדיט: יעקב פיש

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס נאך שחרית
אין היכל ראזענבערג - א' חול המועד פסח תשפ"ד

אין א שמועס מיט די אינגעלייט

קרעדיט: איציק

שחרית אין היכל ראזענבערג - א' חול המועד
פסח תשפ"ד

קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן מזל
טוב פאר מו"ה יחזקאל שארף הי"ו

קרעדיט: איציק

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס אינדרויסן פון טאנץ
מיט אמונה פארק - א' חול המועד פסח תשפ"ד

דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט'ן מנהל המוסדות
אין לעמאנעיד גראסערי

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט חשובע בחורים פון ישיבת סאוט פארלסבורג

שיעור חול המועד פסח אין שטעטל

דער ראש ישיבה שליט"א אויפן וועג ארויף פונעם דף שיעור

שיעור דף גמרא - עש"ק חול המועד פסח תשפ"ד

שיעור דף גמרא אין שטעטל - מוצאי ערשטע טעג פסח תשפ"ד

שיעור מיט סיום הש"ס פון הבחור יוסף ב"ר שמחה סאלז הי"ו אין שטעטל

קרעדיט: נפתלי זאבעל

מען האט איבערגעסקרעיפט די הילצערנע פאדלאגע אינעם עלצטן קרית יואל ביהמ"ד היכל הקודש, אויף 8 העיס, נדבת לבו של אחד מחשובי אנ"ש - די בילדער זענען פון בשעתן, און נאכן פארטיגן סקרעיפן.

קרעדיט: דוד דייטש

מען לייגט נייע טיילס אין ביהמ"ד היכל הקודש
בארא פארק

קרעדיט: לייבי ראטה

דער ראש ישיבה שליט"א ביים אינטערשרייבן א שטר שותפות מיט
מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו פארן מנדב זיין א שער אין בית הדפוס

קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די כולל
אינגעלייט נאך מנחה - ה' אחרי-ב' תשפ"ד

קרעדיט: לייבי ראטה

בר מצוה פון בן מו"ה אברהם יודא ליכטענשטיין הי"ו
ליל ששי אחרי-ב' תשפ"ד

קינדער בלעטל

בלעטל פארמעסט
נייער קאלום
קומענדיגע
וואך אי"ה

מעשה'לעך
ס'איז נאר די קוה...

שרייב טישל:
לאמיר ציילן ספירה

דעם רבינ'ס חדר:
וואס געשעהט ווען מען ענדיגט ש"ס?

מעשה'לעך פאר קינדערלעך

שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז נָאר דִי קוּ

אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זֵייעֶר קוּ אִיז טוֹיט; זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע קוּ, זֵייעֶר פַּרְנָסָה; וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין, פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער טַאטֶע, רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים; רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרֵיילִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר יָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

אַלֶע הָאבְּן גֶעוִויסְט פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן; דִי גַאנְצֶע דֶערְפְל קוּבְּלִיטְשׁ הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם טֵייעֶרְן אִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, אוֹיךְ דֶער פָּרִיץ פוּן קוּבְּלִיטְשׁ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה אַ קוּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם קוּ הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן'ס וַוייבּ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר מֶעלְקְן דֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן פְרִישֶׁע וַוארֶעמֶע מִילְךְ, מִיר וֶועלְן הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער".

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער קוּ לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!"

רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" אַהֲרֹן - שְׁרֵייט זַיין וַוייבּ: - "וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען, פַארְוָואס טַאנְצְטוּ? דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז דֶער קוּ אִיז טוֹיט?! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה" רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט אִיר: "טַאקֶע פַארְדֶעם טַאנְץ אִיךְ; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט, שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק".

דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר זוּכְט דָאס גוּטְס, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט; וֶוען זַיין קַאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הֵייבְּט עֶר אָן טַאנְצְן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט", וֶוען עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ טַאנְצְט עֶר אוּן זִינְגְט: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"

אוֹי גֶעוואַלְד, דִי קוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן!

דעם רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

ברסלב'ע חידות

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ווער עס ענדיגט ש"ס, ציט ארויף אויף זיך

א. א נייע נשמה
ב. א מאסק
ג. אויר ארץ ישראל
ד. א צלם אלוקים

און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:
שלום פריעדמאן נ"י - מאנסי

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה

ב. עַל יְדֵי עֲנָוָה, תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה.

אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה.

שרייב טישל

טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **ציילן ספירה**





טרעף די ווערטער

לאמיר ציילן ספירה...

וויפיל מאל קעסטו טרעפן דאסווארט
"ספירת העומר"

כ	ס	פ	י	ר	ת	ה	ע	ו	מ	ר
ק	ר	מ	ו	ע	ה	ת	ר	י	פ	ס
ר	מ	ו	ע	ה	ת	ר	י	פ	ס	ר
ס	פ	י	ר	ת	ה	ע	ו	מ	ר	ט
ס	ר	מ	ו	ע	ה	ת	ר	י	פ	ס
פ	ס	ת	ב	ד	ס	ג	מ	י	צ	ל
י	פ	ט	כ	ש	פ	ק	ו	ר	ר	ר
ר	י	י	מ	ס	י	ח	ע	מ	ס	מ
ת	ר	צ	ק	פ	ר	י	ה	ו	פ	ו
ה	ת	ס	ת	י	ת	נ	ת	ע	י	ע
ע	ה	פ	פ	ר	ה	ח	ר	ה	ר	ה
ו	ע	י	ס	ת	ע	ס	י	ת	ת	ת
מ	ו	ר	פ	ה	ו	פ	פ	ר	ה	ר
ר	מ	ת	י	ע	מ	י	ס	י	ע	י
ר	ר	ה	ר	ו	ר	ר	מ	פ	ו	פ
כ	מ	ע	ת	מ	ג	ת	ה	ס	מ	ס
ס	ס	ו	ה	ר	ו	ה	ה	ב	ר	ר
פ	פ	מ	ע	צ	ז	ע	ה	ז	א	מ
י	י	ר	ו	ה	ש	ו	כ	ה	ג	ו
ר	ר	ו	מ	כ	ת	מ	ג	י	ז	ע
ת	ת	ש	ר	ד	ע	ר	ר	ב	ר	ה
ה	ה	ו	י	ג	ל	א	י	פ	ק	ת
ע	ע	א	כ	ג	כ	ו	ח	פ	ר	ר
ו	ו	נ	ק	ח	ש	ה	מ	א	ס	י
מ	מ	ח	ת	נ	מ	ג	ה	ו	ב	פ
ר	ר	ש	מ	י	צ	ט	מ	ת	ע	ס

קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

אליעזר שלמה אפפעל
- קרית ברסלב

יוסי לונגער
פארקינג לאט

משפחת ראזענפעלד
קרית ברסלב

אדי, שרי און נחמן
סאמעט

חנה און אליעזר
שלמה אפפעל



שרה גיטי שניצלער
קרית יואל

נתי און רייזי אפפענהיים
קרית ברסלב



אליעזר שלמה אפפעל
קרית ברסלב

ריקל שניצלער
קרית יואל



אליעזר שלמה
בוים



חיים בוים - קרית
ברסלב

קריית ברסלב

קהל היכל הקודש

וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי עס גייט פארקומען די וואלן פאר די סקול באורד אין די קומענדיגע טעג און עס איז קריטיש וויכטיג אז יעדער איינער אן אויסנאם – מענער און פרויען – זאלן ארויסגיין שטימען, ווילן מיר בעטן אלע חשוב'ע איינוואוינער צו זיכער מאכן אז מען גייט זיין אוועילעבל אין די באשטימטע טאג צו גיין שטימען.
אויב זעט איר אז איר גייט נישט קענען ארויסגיין שטימען אין די באשטימטע טאג, ביטע רופן איינער פון די געטרייע עסקנים וואס וועלן אייך ארויסהעלפן און אנווייזן וואס צו טון:

אייזיק ראטה 917-434-9196

לייבי ראטה 347-578-4449

די וואלן גייט פארקומען ג' בהר – למספרם 11 May 21 צופרי ביז 8 ביינאכט. לייגט אוועק דעם דאטום.

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

לעצטע געלעגנהייט!
נאך איין וואך פארבליבן

מועד'ה משמחת

קרן הדפסה היכל הקודש גרייט זיך אין די טעג צו איבערדרוקן דעם ערשטן באנד פונעם הייליגן ספר **"אשר בנחל אידיש"**, געשריבן געווארן מיט מסירת נפש פאר אונז תלמידים אין אמעריקע דורך מוהרא"ש זי"ע, נאכדעם וואס עס איז שוין נישט דא צו באקומען, קויפט א זכות און זעט אפענע ישועות.

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו:

אז דו דארפסט א ישועה זאלסטו נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, מוהרא"ש האט צוגעזאגט, ווער עס וועט העלפן דרוקן זיינע ספרים און קונטרסים, בפרט ספר אשר בנחל - וועט זען אפענע ישועות.

זכות
אשר בנחל
$500

הבטחת מוהרא"ש

עס איז אמת אז איך האב געזאגט אז ווער עס וועט האבן א חלק אין דרוקן די ספרים "אשר בנחל" וועט זען א ישועה, און איך בין זייער שטארק דערמיט. און נאך מער ווען עס וועט קומען דער טאג און איך וועל אוועקגיין פון דער וועלט, און איינער וועט קומען און דרוקן א חלק פון מיינע ספרים "אשר בנחל", וועט זען אפענע נסים, און איך וועל זיין פאר אים א מליץ יושר. (אשר בנחל מכתב ח'רנ"ג)

יעצט קען מען אייך האבן די זעלטענע געלעגנהייט
צו קויפן דעם זכות מהדורה פאר $10,000

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449

קרן הדפסה
"היכל הקודש"
להדפסת והפצת
ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים
בעולם